בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת נצבים תשפ"א | ר"ה תשפ"ב | גליון 616 [שנה י"ג]

**אלע אידן זאלן איינגעשריבן ווערן גלייך צו לחיים טובים**

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל: (כ"ט ט׳) אידן שטייען פארן אויבערשטן ביים יום הדין און צדיקים ווערן איינגעשריבן לחיים טובים, א גוט יאר, און פשוטע אידן ווארטן ביז יו"כ אדער ביז זאת חנוכה. האט דער רבי ר׳ מענדל׳ע מרימינוב זיע"א ממליץ געווען: אז מיר וויסן דעם מדה פון "כלל פרט וכלל אי אתה דן אלא כעין הפרט" אז מען לערנט ארויס פון דער לעצטער כלל אז עס איז דומה צו דאס וואס עס שטייט ביים פרט און נישט אויף אלעס. יעצט שטייט "כֻּלְּכֶם" איז א כלל, אלע שטייען, און נאכדעם שטייט "רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם" זיי זענען די צדיקים, דאס איז א פרט, און נאכדעם שטייט "כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל" איז א כלל ווייל אלע שטייען פארן דין, איז די חתימה פון כלל, פון "כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל" די זעלבע חתימה ווי די פרט רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם וגו פון די צדיקים, וואס אלע ווען זוכה זיין לכתיבה וחתימה טובה לאלתר לחיים טובים. אזוי ווי די צדיקים זענען זוכה גלייך צו א גוט יאר אזוי זאלן אלע אידן זוכה זיין צו א גוט יאר "הַיּוֹם" גלייך אין ר"ה. (בית אהרן – הגאון ר׳ שלמה זלמן הורוויץ מפאטיק)

**א מנהיג דארף נאר טראכן פארן קהל און נישט פאר זיך**

רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם:(כ"ט ט׳) זאגט רש"י. רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם דאס מיינט "רָאשֵׁיכֶם לְשִׁבְטֵיכֶם" א הויפט צו אייערע שבטים, צו פארשטיין וואס איז כוונת רש"י. קען מען זאגן, דער הייליגע הפלאה איז מסביר דער גמ׳ (חגיגה ט"ו:) "אם הרב דומה למלאך ה׳ צבאו-ת", אויב דיין רבי איז דומה צו א מלאך ה׳ זאלסטו לערנען תורה פון אים. פארוואס דוקא ווי א מלאך? נאר מיר ווייסן אז א מלאך איז א עומד, ער שטייט אויף דער זעלבער מדריגה אויף אייביג ווי אזוי ער איז באשאפן געווארן, אבער א מענטש איז א הולך, ער דארף גיין העכער און העכער אין מדריגות. וועגן דעם דארפסטו זוכן א רבי וואס איז א עומד וואס זוכט נישט זיין תכלית בשעת ער לערנט מיט דיר, נאר ער זוכט די תכלית פון זיינע תלמידים, דעמאלטס יבקשו תורה מפיהו עכ"ד. קען זיין פשט אין רש"י. "רָאשֵׁיכֶם" די מנהיגים זאלן זיין די גאנצע תכלית זייערע, "לְשִׁבְטֵיכֶם" זיין איבערגעגבן נאר פארן רבים און פאר זייער פאלק, צו זוכן נאר זיי צו געבן און צו מאכן העכער, און נישט טראכטן פון זיך. (טל השמים – אב"ד קאשוי)

**דער אויבערשטער ווארט אויף אונזער תשובה**

וְהָיָה בְּשָׁמְעוֹ אֶת דִּבְרֵי הָאָלָה הַזֹּאת וְהִתְבָּרֵךְ בִּלְבָבוֹ לֵאמֹר שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי כִּי בִּשְׁרִרוּת לִבִּי אֵלֵךְ: (כ"ט י"ח י"ט) עס איז שווער אויב ער וועט הערן די דִּבְרֵי הָאָלָה הַזֹּאת, ווי וועט ער זאגן שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי כִּי בִּשְׁרִרוּת לִבִּי אֵלֵךְ? עס וועט דאך קומען די אלע קללות! נאר דער יצר הרע ברענגט אריין א יאוש אין א מענטש און זאגט, קוק צו די אלע קללות און עונשים פון די תורה, און דו ביזט דאך עובר עבירות, ממילא ווארט דיר אפ אזעלכע קללות, דעריבער ביזטו דאך פארפאלן, ווייל וואס קענסטו טאן וועגן דעם? דעריבער כאפ אריין א גוטן עולם הזה, און כאשר אבדת אבדת, דעריבער וועסטו זאגן: בִּשְׁרִרוּת לִבִּי אֵלֵךְ! זאגט די תורה, לֹא יֹאבֶה ה׳ סְלֹחַ לוֹ, נאר אויב מען וועט זאגן שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי, איז לֹא יֹאבֶה וגו׳ אבער מיט חרטה און תשובה איז דער אויבערשטער גרייט דיר גלייך אנצונעמען, ווייל אין דבר שעומד בפני התשובה והבא ליטהר מסייעים בידו. (אך פרי תבואה הגה"ק מליסקא)

**די גוף פון די מצוה היט דער מענטש**

כִּי הַמִּצְוָה הַזֹּאת אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם וגו׳ לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא: (ל׳ י"א) פרעגט דער הייליגער תפארת שלמה וואס מיינט לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא, אלע מצוות גייען דאך ארויף אין הימל? נאר עס שטייט אין אבות (פ"ד מ"ב) מצוה גוררת מצוה, דאס צו פארשטיין? ווייל יעדע מאל וואס מען טוט א מצוה באשאפט מען א גוף און א נשמה פון דער מצוה, און די נשמה גייט ארויף אין הימל און די גוף בלייבט דא. און די גוף המצוה נעמט ארום דעם מענטש און היט אים, און דאס מיינט "כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ:" (תהלים צא יא) וואס די מלאך וואס איז באשאפן פון די גוף המצוה היט דיר. און די גוף ברענגט אריין א רצון צו טאן נאך מצוות. דאס מיינט מצוה גוררת מצוה. דורך טאן איין מצוה ברענגט אריין א רצון צו טאן נאך מצוות, דאס מיינט "לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא" די גאנצע מצוה גייט נישט ארויף אין הימל, ווייל נאר די נשמה גייט ארויף, אבער די גוף המצוה בלייבט דא, צו היטן דער מענטש און אויך צוגעבן א רצון צו טאן נאך מצוות. (תפארת שלמה ראדאמסק)

**מען דארף ערשט תשובה טאן נאכדעם קען מען בעטן**

הרה"צ ר׳ יוסף רב פון שטאט טורצ׳ין, זון פון הייליגן חוזה מלובלין זי"ע, האט אנגעהויבן זאגן זיין דרשה פאר די תקיעות מיט א מעשה. אין א שטאט האט געוואוינט א איד א ת"ח, וואס האט זיין פרנסה איז געווען פון פארקויפן וויין. איינמאל האט דער רב פון שטאט אים געקומען באזוכן, האט דער איד אים דאן געוואלט מכבד זיין פונעם בעסטן וויין וואס ער האט פארמאגט, שיקט ער אראפ זיין משרת צוברענגען די בעסטן וויין. עס גייט אריבער א לאנגע צייט, און דער משרת קומט נישט ארויף. און האט געבעטן אנטשולדיג פון רב, און ער איז אליין אראפ אין קעלער. ער איז געווארן דערציטערט, ווען ער זעהט פאר זיינע אויגן א חורבן וואס דער משרת האט אנגעמאכט! צעבראכענע פלעשער האבן זיך געוואלגערט אויף די ערד. און עס גיסט זיך וויין אויף די ערד, אבער די משרת זעט ער נישט! נאכדעם וואס דער רב איז אוועק געגאנגען, האט דער איד אנגעהויבן זוכן דעם משרת, ער האט אים געטראפן ליגן רואיג אונטערן אויווען. ווי נאר דער משרת האט דערזען דעם בעה"ב, האט ער אים געפרעגט, קען איך אפשר באקומען א העכערן געהאלט?... נו! דאס זעלבע פנים טראגן מיר, האט אויסגעפירט דער צדיק. מען טוט אפ אלעס וואס עס גלוסט א גאנץ יאר, און מיט אן תשובה וויל מען פארלאנגען א גוט יאר?... מ׳דארף ערשט תשובה טאן, און נאכדעם קען מען בעטן אויף א גוט יאר, דער עולם האט אנגעפאנגן צו וויינען און תשובה געטאן.

**שייכות פון נרות און תקיעת שופר**

בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת: (ח ב) שטייט אין מדרש הה"ד אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה (תהלים פט טז) לכאורה וואס איז די שייכות פון נֵרֹת צו יוֹדְעֵי תְרוּעָה? נאר עס שטייט אין מדרש רבה (שיר השירים ב׳ ד׳) "מהו הֵיטִיבוּ כָּל אֲשֶׁר דִּבֵּרוּ (דברים ה׳ כה)? חייא בר אדא ובר קפרא, חד אמר הַטָּבָה

כְּהַטָּבַת הַנֵּרֹת וחד אמר הַטָּבָה כְּהַטָּבַת הַקְּטֹרֶת", שטייט אין זוהר הק' אז די נרות פון מנורה האט געהאט דעם זעלבן כח ווי תקיעת שופר אין ר"ה,ביידע זענען ממתיק דינים און מעורר רחמים, נאך שרייבט דער זוהר הק' אז דורך קבלת התורה וואס די אידן האבן געזאגט **נעשה ונשמע** איז איבער געדרייט געווארן די מדת הדין צו מדת הרחמים, און דאס פאסירט יעדן טאג ביי הקטרת הקטורת (עיין זוהר הק' פ' תצוה), קומט אויס אז סיי קטורת סיי די נרות און סיי תקיעת שופר האבן דעם זעלבן כח צו מעורר זיין רחמים, ממילא איז גוט דער מדרש, מקשר זיין בְּהַעֲלֹתְךָ צו אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה, ווייל ביידע זענען מעורר רחמים און מבטל דינים, און דאס איז די מחלוקת אויפן פסוק הֵיטִיבוּ, וואס די הטבה איז געווען המתקת הדינים, צו דאס מיינט הַטָּבַת הַנֵּרֹת, אדער הַטָּבַת הַקְּטֹרֶת, און אלע זאכן אויס גערעכענט ברענגען ארויס די מדת הרחמים. (תנופה לחיים ר' חיים פאלאג'י)

## מדור העובדות

## דער חוזה מלובלין באצאלט א איד און ווערט א בעל רוח הקודש אין זכות פון די מצוה פון פדיון שבויים

אין א שטעטל נישט ווייט פון לובלין האט געוואוינט א איד א עושר, א תלמיד חכם וואס האט געהאט מסירות נפש אויף הכנסת אורחים. ער האט זיך נישט געוואשן צו זיין סעודה ביז ער האט געהאט א אורח ביי זיין טיש. דער אויבערשטער האט אים געשענקט עשירות מיט גוטע קינדער און איידעמער תלמידי חכמים. איינמאל א זונטאג האט זיך נישט געמאכט אז ער זאל האבן א גאסט ביי זיין טיש און ער האט געווארט ביז באנאכט און האט נאר געגעסן א שטיקל מזונות ביי זיין טיש אזוי איז געווען די גאנצע וואך אן א אורח. פרייטאג איז די משפחה שוין געווען באזארגט ווייל דער בעל הבית איז שוין געווען שוואך פון מער נישט עסן און דער שבת וועט זיין א צער אויב ער וועט נישט האבן א אורח, האבן די קינדער זיך צושפרייט אין די וועגן ביז איינער האט געטראפן א אלטע איד און ער האט מסכים געווען צו זיין זייער אורח.

דער בעל הבית האט איינגעפירט אז אלע מוזן זאגן תורה ביים טיש און ווען מען האט מכבד געווען דעם אלטן איד מיט זאגן תורה האט ער געזאגט אז ער האט נישט. האט דער בעל הבית געזאגט אפשר איז ער אויסגעמוטשעט פון וועג אבער ווען עס איז געקומען צו שלש סעודות האט איהם זיין איידעם פארשעמט און ער האט איהם געפרעגט אז אפילו א פסוק חומש קען ער נישט! אבער דער אורח האט זיך נישט דערשראקן און ער האט צוריק געענטפערט שיינערהייט אז יעצט ביסטו א עושר אבער באלד וועסטו ווערן א רב אין א שטעטל און האבן א קליינע פרנסה.

נאך שבת ווען דער בעל הבית האט געדאנקט דעם אורח האט ער איהם געפרעגט ווי אזוי קען דען זיין אז מיין איידעם איז אזא עושר און זאל ווערן א רב מיט א קליין פרנסה? האט איהם דער אורח געזאגט איך וועל דיר דערציילען א מעשה: איך בין געווען א שניידער ביי א פריץ איך האב געהאט שיין פרנסה אבער איך האב געמוזט וואוינען צווישן גוים און נישט געהאט א מנין. איינמאל האט מען געדארפט פייערן די פופציגדיגע יאר פון פריץ און דער פריץ האט געדארפט איך זאל נייען פאר זיין גאנצע משפחה קליידער האט ער מיר געגעבן 300 רובל צו קויפן די שענסטע סחורה.

אויפן וועג צו קויפן די סחורה האב איך געהערט קולות פון דערווייטנ'ס בין איך דארטן געגאנגען און געזען ווי א גאנצע משפחה איז געבונדן מיט קייטן, אין די הענט פון די פאליציי, האב איך געפרעגט די פאליציי וואס האבן זיי געטאן? האט מען מיר געענטפערט אז דער טאטע האט געדונגען א קרעטשמע און לאנג נישט באצאלט ביז דער פריץ האט באפוילן מען זאל איהם איינזעצן. האב איך געפרעגט צו איך קען זיי אויסלייזן האבן זיי מיר גענומען צום פריץ און איך האב געפרעגט וויפיל קומען זיי? האבן זיי מיר געזאגט 300 רובל. האב איך גענומען די 300 רובל וואס איך האב געהאט צו קויפן סחורה און באצאלט פאר יענעם פריץ און ער האט באפרייט די גאנצע משפחה. דער טאַטע האט מיר געבענטשט און געזאגט איך האב דיר נישט יעצט וואס צו באצאלן אבער איך זאג דיר צו אז אין עולם העליון וועל איך דיר באצאלן.

דערוויל האב איך געטראכט וואס וועל איך זאגן פארן פריץ? האב איך זיך באַרעכנט איך וועל זאגן דעם פריץ אז גנבים האבן מיר באפאלן און צו גענומען די געלט, און אויב ער וועט מיר גלויבן איז גוט און אויב נישט איז געווען כדאי די מצוה פון פדיון שבוים. דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן און דער פריץ האט מיר געגלויבט ווייל ער האט געזאגט אז ער ווייסט אז איך בין א איש נאמן און מיר געגעבן נאך 300 רובל. איך האב געקויפט די שענסטע סחורה און גענייט שיינע מלבושים פאר די גאנצע משפחה און דער פריץ האט מיר געגעבן א גרויסע באלוינונג פאר די ארבעט. יעצט האב איך געטראכט איך בין שוין אלט און איך האב יעצט געלט וויל איך גיין וואוינען צווישן אידן.

און אומר ועושה איך האב זיך געזעגנט פון פריץ און געגאנגען וואוינען צווישן אידן. יענעם ערב יום כיפור בין איך געגאנגען פרי אין שול און אנגעטאן מיין קיטל און זיך ארום געוויקלט מיטן טלית און גענומען זאגן תהלים. אינמיטן תהלים זאגן פיל איך ווי איך שוועב אין די לופטן און אנטקעגן מיר שטייט דער טאטע וואס איך האב געראטעוועט פון תפיסה. און ער זאגט היות ער האט מיר צו געזאגט אז בעולם העליון וועט ער מיר באצאלן און ער איז יעצט דארטן וויל ער אז איך זאל גיין צום חוזה פון לובלין וואס ער וועט שוין וויסן וואס מיר צו געבן. און ער הויבט מיר אן צו שילדערן די זיסקייט וואס מען פילט אין הימל די נאכט פון יום כיפור און איך גיי אוים פון זיסקייט און איך בענק זיך צו דעם. אינמיטן רעדן מיט יענעם טאטן הער איך ווי דער שמש שרייט צו מיר עס איז שוין שפעט און ער וויל פארמאכן די שול האב איך שנעל געענדיגט דאווענען און אהיים געגאנגען. נאך יום כיפור בין איך געפארן קיין לובלין און אריין צום חוזה מלובלין וואס האט שוין אלעם געזעהן און זאגט מיר אז ער וויל איך זאל דאווענען מיט אים אין זיין סידור. אזוי האט ער דאס געטאן א יאר צייט. נאכן יאר האט דער חוזה מיר געזאגט אז פון היינט אן וועל איך קענען זען אויף א מענטש וואס עס וועט זיין מיט איהם שפעטער. ווען מען האט מיר געטראפן בין איך געווען אויפן וועג צוריק פון לובלין און ווען דיין איידעם האט מיר פארשעמט האט מען מיר מגלה געווען אז ער וועט פארלירן זיין גאנצע געלט בקרוב. אבער ווייל ער איז א ת"ח וועט מען אים אויפנעמען צו זיין א רב אין א קליין שטעטל פאר א קליין פרנסה. און אזוי איז טאקע געווען. זיע"א

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עם איז א שיינע מתנה

3 ספרים שייך לבעל מקדשי ה' וויטצן $900 תיקוני זוהר דפוס זיטאמיר $1500, קבלה עם ברכת וחתימת הגה"ק ר' יעקב ארי' מטריסק $400, ספר אוהל יצחק שייך להרה"ק ר' יוחנן מטאלנא $600, ספר וואס האט באלאנגט פארן אפסי ארץ פון נאנאש $2000, ספר וואס האט באלאנגט פארן ווישיווא רבין $1500, ספר מיטן הקדשה פון חשק שלמה $1800 שו"ת חתן סופר דפוס ראשון זייער זעלטן $300, גארטל פון ר' יענקעלע מיט א אישור $18000,, צוויי ספרים אויף ר' יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר' יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מיללער $800,, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג' שנים, תפארת החנוכי $3000, לקוטי מהרי"א שמות ודברים $1500, צמח צדיק וויזניק ג' חלקים דפו"ר $800. ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 2:00, **To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מיר וועלן האבן שיינע אתרוגים און לולבים נאך צום גדליה הבעל"ט מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט, מיר ווינטשן אלע אידן א כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים, דערוויל זעהט אויס אז דער קומענדיגן גליון וועט זיין ערשט נאך סוכות תשפ"ב הבעל"ט